# עונג יום טוב

## ראש השנה תשס"ו

גוט יום טוב אלע אידן. עס איז געווען א קאלטע רוסישע ווינטער טאג אינדערפרי אפאר טעג פאר ראש השנה תשכ"ד און דער ראש פון דעם מוסד "אל תדום" רב ברוינשטיין איז נאכאמאל געווען אין רוסלאנד. אין די תש"כ יארן איז געבליבן אין רוסלאנד נאר א זכר פון די חשובה אידישע קהילות וועלכע האבן זיך געהאלטן אזוי שטארק פאר אזוי סאך יארן. די קאמוניסטען ימ"ש האבן פרובירט אויסצומעקן אידישקייט אין רוסלאנד. ליידער האבן די רוסישע רשעים זייער מצליח געווען צו ארויסרייסן אידישקייט דארט. זיי האבן געהארגעט די אידישע גוף און די אידישע נשמה.

דורך די יארן פלעגט רב ברוינשטיין קומען קיין רוסלאנד כדי צו מאכן ברית'ן און בכלל צו מחזק זיין די אידן וועלכע זענען געבליבן אין דער רוסישער גיהינום. פארשטייט זיך אז עס איז געווען גאר געפערליך פאר א פרעמדע איד אין רוסלאנד, בפרט איינער וואס האט פארשפרייט תורה, ווייל אין רוסלאנד איז אידישקייט געווען פשוט אומליגאל. עטליכע מאל האבן די רוסישע פאליציי ארייגעווארפן רב ברוינשטיין אין תפיסה און אים געשלאגן. איינמאל האבן זיי אים געשלאגן אזוי שטארק אז זיי האבן אים כמעט געהארגעט! דעמאלט האבן זיי געדארפט שיקן רב ברוינשטיין קיין ענגלאנד מיט א פליגער וואס האט געהאט א שפיטאל אויף זיך, כדי רב ברוינשטיין זאל נישט ח"ו שטארבן אויפ'ן וועג אהיים! כאטש אז רב ברוינשטיין איז כמעט געהארגעט געווארן אין רוסלאנד, איז ער מיט מסירות נפש צוריקגעפארן נאכאמאל און נאכאמאל כדי צו פארשפרייטן אידישקייט צווישן די צובראכענע רוסישע אידן.

איינע פון די מער דערהויבענע ראש השנה'ס וואס רב ברוינשטיין האט געהאט איז געווען ראש השנה תשכ"ד ווען ער איז געפארן קיין קיעב. ערב ראש השנה האט ער געדאווענט אין א קליינעם שטיבל אין קיעב. דער קליינער שטיבל איז געווען נאר א זכר פון די חשובה קהילה וואס איז אמאל געשטאנען אין קיעב. אבער, רב ברוינשטיין האט כסדר געטראפן דער פינטעלע איד צווישן די אידן אין רוסלאנד.

נאכ'ן דאווענען שחרית ערב השנה אין יענעם שטיבל אין קיעב איז צוגעקומען א רוסישע איד צו רב ברוינשטיינ'ן. דער איד איז געווען א סקווירער חסיד. ער האט נישט אויסגעקוקט ווי א חסיד'ישע איד, אבער זיין הארץ האט שטארק געברענט פאר אידישקייט. דער איד האט געפרעגט רב ברוינשטיינ'ן אויב ער איז אינטערעסירט צו דאווענען מיט א בעהאלטענע מנין אין ר"ה. די רוסישע רשעים האבן נישט געשטערט די אידן דאווענען שחרית יעדן טאג, אבער א מנין פאר ראש השנה האבן זיי אייביג פרובירט צו שטערן. וועגן דעם האבן אסאך מאל די אידן געדארפט מאכן בעהאלטענע מנינים. די רוסישע פאליציי די "קעיי גי בי" האט געהאט אסאך בעהאלטענע פאליציי מענטשן וועלכע האבן כסדר נאכגעקוקט אויף די אידן.

רב ברוינשטיין האט געטראכט צו זיך א פאר סעקונדעס. פון איין זייט האט ער געטראכט אז ס'וועט זיין א גרויסע סכנה פאר אים אויב די רוסישע פאליציי וועלן אים כאפן. אויפ'ן אנדערן זייט איז עס געווען דאך יום הדין! ווי האט ער געקענט אוועקגעבן צו דאווענען מיט א מנין פון אידן וועלכע טון זייער עבודת השם מיט אזא מסירות נפש! צום סוף האט ער מסכים געווען צו גיין דאווענען מיט יענעם מנין. דער רוסישע איד האט געהייסן אז רב ברוינשטיין זאלווארטן די נעקסטע טאג 7 אזייגער אינדערפרי לעבן דעם ארייגאנג פונעם האטעל וואו רב ברוינשטיין איז איינגעשטאנען. 7 אזייגער וועלן דורך גיין 2 אידן לעבן דעם האטעל. דער איד האט געזאגט פאר רב ברוינשטיין אז ער זאל נאכגיין די צוויי אידן, אבער ער זאל זיין פארזיכערט אז קיינער זאל נישט באמערקען אז ער גייט נאך די צוויי אידן, ווייל דעמאלט וועלן די פאליציי כאפן יעדן איינעם, ח"ו.

די נעקסטע טאג 7 אזייגר אינדערפרי פונקלעך איז רב ברוינשטיין געווען לעבן דעם ארייגאנג פונעם האטעל ווען ער האט געזען צוויי אידן שנעל קומען אויפ'ן וועג. אזוי ווי דער איד האט דעם פריעדיגע טאג געהייסן, איז רב ברוינשטיין נאכגעגאנגען די צוויי אידן, אבער נישט ממש אונטער זיי, נאר א גאס אדער צוויי ווייטער.

די דריי אידן, רב ברוינשטיין צוזאמען מיט די צוויי, זענען געגאנגען און געגאנגען. עס איז געווען גאר קאלט און דער וועג איז געווען גאר לאנג, אבער רב ברוינשטיין איז געגאנגען ווייטער. יעצט האט ער שוין געזען די מסירות נפש פון יענע אידן. באלט דערנאך זענען די דריי ארויסגעגאנגען פונעם שטאט קיעב אינגאנצן. זיי זענען ארייגעגאנגען אין א גרויסע וואלד. ביים ארייגאנג פונעם וואלד האט רב ברוינשטיין געזען אז צוויי נשים צדקניות זענען געשטאנען כדי צו זיין שומרים טאמער די "קעיי גי בי" וועט קומען, ח"ו.

ווען רב ברוינשטיין איז געקומען צו אן עפענונג אין דיביימער האט ער געזען א מורא'דיגע זאך. עטליכע אידן האבן זיך ארומגעדרייט, עטליכע זענען געשטאנען און אנדערע זענען געזיצען אויף אראפגעפאלנע ביימער. דאס איז געווען די בעהאלטענע ר"ה מנין פון די מסירות נפש אידן אין קיעב. רב ברוינשטיין האט נישט געקענט גלייבן וואס ער האט געזען אין יענע וואלד...

מיר ליינען וועגן מסירות נפש אין די קריאת התורה. דער גאנצע ענין פון דער "עקידה" איז אוועקגעבן די אייגענע רצונות פאר'ן אייבערשטען. אברהם אבינו האט זיכער ליב געהאט יצחק, אבער ער איז געווען גרייט אים צו מקריב זיין ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן אזוי. וועגן דעם לייענט מען ר"ה די עקידה, ווייל דאס איז די עיקר פון אידישקייט, זיי מבטל די אייגענע רצונות פאר השי"ת. דער אייבערשטער האט אונז שוין געזאגט אין דער הייליגער תורה וואס מ'דארפט טון. די שאלה איז נאר אויב א איד טוט וואס דער אייבערשטער הייסט...

צוריק אין די קאלטע רוסישע וואלד לעבן קיעב... דער שליח ציבור איז צוגעגאנגען צו "עמוד." אין די מנין זענען געווען סקווירער, טשערנאבלער, ליובאוויטשער און אנדער חסידים. זיי האבן נישט געהאט גענוג מחזורים, דערפאר, האבן זיי געדארפט ארייקוקן צוזאמען אין א מחזור, 3 אידן א מחזור. עס איז געווען א דאווענען וואס רב ברוינשטיין האט קיינמאל נישט פארגעסן.

זיצינדיג לעבן רב ברוינשטיין איז געווען א אכציג יעריגע איד וואס איז געווען צו מיד פונעם לאנגען וועג צו שטייען בשעת'ן דאווענען. דער איד איז געזיצען אויף א אראפגעפאלנע בוים. ער איז געווען אנגעטון מיט אזא אלטע טלית אז עס איז געווען ממש פעדימאר. (ווייל מ'האט נישט געקענט פארשאפן טליתים אין רוסלאנד.) דער אלטער איד איז געזיצען אויף זיין פלאץ און געוויינט דורך דעם גאנצען דאווענען פון "מה טובו" ביז "אדון עולם." רב ברוינשטיין האט דערזען ווי דער איד האט ארייגעלעגט זיין גאנצע נשמה אינעם דאווענען, ביז זיין טלית איז געווארן נאס פון טרערן.

באלט דערנאך איז עס געווען די צייט צו בלאזן שופר. דאס איז געווען די מערסט געפערליכע צייט, ווייל טאמער זיי וועלן בלאזן צו שטארק, וועט דער "קעיי גי בי" ארעסטירן דעם גאנצע מנין. דער בעל תוקע האט געוואלט זיך טובל'ן פאר די תקיעות. אבער וואו האבן זיי געהאט א מקווה אזוי טיף אריין אין וואלד? וויבאלד אז עס איז געווען ווינטער, איז דארט געווען שניי אויפ'ן ערד. דער בעל תוקע איז געגאנגען אויפן זייט פונעם מנין. דארט האט ער זיך אויסגעטון און האט גענומען מאכן גלגול שלג מיט מסירות נפש, כדי יוצא זיין טבילה אין א מקווה!

דער קול פונעם שופר האט געדארפט ארייגיין אין די אידישע הערצער אבער נישט צושטערן די מנין. דערפאר האבן די אידן געטון א מורא'דיגע זאך: דער בעל תוקע איז געזיצען אויפ'ן ערד און די אידן האבן זיך אלע צוזאמענגעקוועטשט איבער דעם בעל תוקע. צוליב די גרויסע סכנה, האט דער בעל תוקע געבלאזן די 100 קולות איינס נאכן אנדערע. דער קול שופר איז אנגעקומען צו די אוירען פון די מתפללים און זיי האבן געגאסן טרערן אויפ'ן בעל תוקע! די תפילות פון דעם חשוב'ער מנין זענען ארויפגעגאנגען אין הימל בעטן דעם אייבערשטען פאר מחילה פארן נישט קענען אים דינען ווי עס דארף צו זיין. באלט דערנאך האט דער מנין געענדיגט דאווענען און רב ברוינשטיין איז צוריקגעגאנגען אין שטאט. עס איז געווען א ר"ה צו גדענקן! (געהערט פון ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א)

לאמיר געדענקען אז די עיקר עבודה פון א איד איז **מבטל צו זיין די אייגענע רצונות פאר השי"ת**. דורך מקבל זיין אויפ'ן קומענדיגע יאר צו מבטל זיין די אייגענע רצונות פאר השי"ת וועלן מיר האבן א זיסע יאר, פון הרחבת הדעת, געזונטעהייט, פרנסה, און אלע ברכות וואס דער באשעפער האט צוגעזאגט צו אברהם אבינו נאך די פרשה פון דער עקידה: " כי ברך אברכך והרבה ארבה את זרעך ככוכבי השמים וכחול אשר על שפת הים וירש זרעך את שער איביו. והתברכו בזרעך כל גויי הארץ עקב אשר שמעת בקלי." **גוט יום טוב אלע אידן**

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו לאלתר לחיים

לע"נ ר' פייוועל בן ר' אפרים ע"ה • נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**